



ועידת התביעות
Claims Conference
Conference on Jewish Material Claims Against Germany

Claims Conference Holocaust Survivor Memoir Collection

Access to the print and/or digital copies of memoirs in this collection is made possible by USHMM on behalf of, and with the support of, the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

The United States Holocaust Memorial Museum respects the copyright and other intellectual property rights associated with the materials in its collection and makes good faith efforts to determine the copyright status of such materials. The Museum has a good faith belief that the materials in this collection may be made publicly available. The Museum welcomes additional information about copyright status. If you have additional information or concerns about the copyright ownership of materials in this collection, please contact the Museum's Library by phone at 202-479-9717 or by email at reference@ushmm.org.

טייערע פֿריינט

איך וויל זיך טיילן מיט אײַך אַ קאַפּיטל פֿון מײַן לעבן,
וואָס פֿאַרט פֿאַסירט צו מיר און די מאַלניק פֿאַמיליע, און
די גרויסע אַקציע. וואָס אַלעקס פֿאַניטעלסאָן (ראַלטער)
האָט אַזוי ליטעראַריש באַשריבן און פֿאַרעפֿנט דעם אַרטיקל
און דעם "פֿאָרווערטס". צײַטונג.

דאָס איז דער ערשטער מאָל, וואָס איך טייל זיך
עפֿנטלעך, מײַנע איבערלעבונגען, און די גרויסע אַקציע.

דער טראַגישער טאָג איז געלעגן און מײַן האַרצן, מיט
וויטאָג פֿאַר יאָרן. נאָר אייניגע האָבן געוווסט פֿון
דעם ריכטיקן אומגליק, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען
דעם טאָג פֿון דער אַקציע, און דער קליינער געטאָ!
און ווי אַזוי מײַן מוטער און איך, זײַנען געראַטעוועט געוואָרן,
נאָר צוויי מינוט, פֿאַר אַרויספֿירן די לעצטע הונדערט מענטשן
אויפֿן 9-טן פֿאָרט.

ליזי און איך האָבן געהאַט די פּריווילעגיע זיך צו טרעפֿן
מיט אַלעקסן און זײַן פֿרוי סימאַ און ישראל פֿאַר אונדזער 50-טן
חתונה יובֿל, ווי מיר האָבן זיך דערמאָנט אונדזער
פֿאַרגאַנגענהייט. איך האָב געזען און אַלעקס פּאָנים די שווערע
לאַסט וואָס ער טראָגט אַלס עדות אויפֿן גורל וואָס האָט פֿאַסירט מיט
אונדזערע שוועסטער און ברידער און דער גרויסער אַקציע.

און נאָר דורך זײַן אינדיווידועל אָרגאַניזאַציע האָט ער מיט
זײַנע פֿרײַנט און מיט אַ קליינעם בילעטל (וואָס איך האָב געזען)
אַרויסגעפֿירט און דורכגעבראַכן דעם טויער אין 9-טן פֿאָרט
און אַנטלאָפֿן צו פֿרײַהייט.

שלום,

מיט פֿרײַנטשאַפֿט

עמק מאַלניק

Alex Faitelson
Writer
55900 Ganey Tikva, P.O.B. 3657 ISRAEL
Tel. 972-3-5351574; Fax. 972-3-5357472

יום שישי 03 ספטמבר 1999

״פאָרווערטס״

חשובער מיט-רעדאַקטאָר יוסף מלאָטעק,

א גרויסן דאַנק פאַרן האָנאָראַר פאַר מיַין אַרטיקל געדרוקט אין ״פאָרווערטס״ דעם 2טן יולי 1999.

איך לייג דאָ ביַי אַן אַרטיקל וועגן גורל פון אַ יונגן אינגל, וואָס איז מיט זיַין משפחה פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קאָוונער געטאָ און געמאָלט זיַין אַ קרבן פון דער ״גרויסער אַקציע״. נאָר אַ דאַנק זיַין איינפּאַלערישקייַט, אויסדויער אין געראַנגל פאַרן לעבן איז ער אַרויס אַ זיגער. דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל אין דער געשיכטע פון דער ״גרויסע אַקציע״.

אין דעם טאָטאַלן מאָרד פון ייִדישן קיבוץ אין ליטע פאַרנעמט די ״גרויסע אַקציע״ אין קאָוונער געטאָ דעם הויכפּונקט פון דער ייִדישער טראַגעדיע. דעם 28סטן אָקטאָבער 1941, דער טאָג פון דער ״גרויסער אַקציע״, איז ניט צו פאַרגעסן. די לעבן געבליבענע ייִדן פון ליטע, צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, מערקן אָפּ די דאַטע אין טרויער אַקאַדעמיעס. דער טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער-טאָג פון אומקום פון גאַנצן ליטווישן ייִדנטום.

איך לייג דאָ ביַי 3 בילדער.

בברכת שנה טובה!

אײַער,

אלעקס פייטעלסאָן

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אלעקס פײַטעלסאָן

גורל פון מענטשן

עמקע...

אין דעם קאַטאַלאָג פון ייִדישן קיבוץ אין ליטע פאַרנעמט די "גרויסע אקציע" אין קאָוונער געטאָ דעם הויכפּונקט פון דער ייִדישער טראַגעדיע. דעם 28סטן אָקטאָבער 1941, דער טאָג פון דער "גרויסער אקציע", איז ניט צו פאַרגעסן. די לעבן געבליבענע ייִדן פון ליטע, צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, מערקן אָפּ די דאָזיקע טעג אין טרויער-אקאַדעמיעס. דער טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טרויער-טאָג פון אומקום פון גאַנצן ליטווישן ייִדנטום.

* * *

ער איז געווען א בן יחיד. מען האָט אים געגעבן א נאָמען אברהם. טאַטע מאַמע פלעגן אים רופן אברהמקע. ווען מען פלעגט אים פרעגן, בעת ער האָט געפּויזעט אונטערן טיש, ווי מען רופט אים פלעגט ער ענטפערן: עמקע. אזוי איז ע ר געוואַקסן מיטן נאָמען, וואָס ער האָט זיך אליין געגעבן. מיט דעם נאָמען איז ער אוועק לערנען אין דער יידישער קאָתעריך-גימנאַזיע אין קאָוונע. מיט דעם נאמען איז ער אריין מיט די עלטערן אין געטאָ, וו מען האָט אָפּגעמערקט זיין בר-מצווה.

זיין פאָטער, קאַלמאַן מאַלניק, איז געווען פאַרן קריג א פרייוויליקער אין א פייערלעשער-קאָמאַנדע, דעריבער איז ער אויך אין געטאָ געוואָרן איינגעשלאָסן אין דער געטאָ-פייערלעשער-קאָמאַנדע.

די אסירים פון געטאָ זיינען געווען פאַרפּליכטעט צו ארבעטן אין עלטער פון 12 ביז 55 יאָר. דער פאָטער האָט עמקען איינגעאָרדנט אלס קוריער – Eilbote. דאָס זיינען געווען יונגע אינגלאך אין עלטער פון 10 – 12 יאָר, וואָס פלעגן אויספילן די פונקציעס פון פאַרבינדלער צווישן עלטעסטן-ראַט און די פאַרשיידענע אמטן אין געטאָ.

דעם 28טן אָקטאָבער 1941 איז באַפוילן געוואָרן די ייִדן פון געטאָ זיי זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן אויף א פרייַען גרויסן שטח אין געטאָ. דער שטח האָט געטראָגן דעם נאָמען: דעמאָקראַטו-פּלאַץ. אויף דעם פּלאַץ האָבן די דייטשן געזאָלט דורכפירן, ווי זיי האָבן אָפיציעל געמאָלדן, א ציילונג פון די יידן אין געטאָ.

די יידן זיינען אלע געגאַנגען צום פּלאַץ ווי די שעפּעלעך צו ווערן געציילט. דאָרטן האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס לויט זייערע ארבעט-פּלעצער. עמקע מיט זיין משפחה איז געווען אין דער קאָלאָנע פון דער פייערלעשער-קאָמאַנדע. די פייערלעשער האָבן געטראָגן ארעמבענדער מיט דער אויפשריפט: Jüdische Ghetto Feuerwehr – יידישע געטאָ-פייערלעשער. זיי זיינען געשטאַנען לעבן דער קאָלאָנע פון די מיטארבעטער מיט זייערע משפחות פון יידישן ארבעטסאמט.

די יידישע געטאָ-פּאָליציי צוזאַמען מיט די ליטווינער פון ערשטן געהילפס-פּאָליציי באַטאַליאָן,

אָנגעפירט פון אוויאַציע-מאַיאָר קאזיס שימקוס, האָבן געהאלטן די אָרדענונג. די ליטווינער פון דעם באטאליאָן זײַנען געווען די נעכטיקע "ווײַסבענדלדיקע", "פּאַרטיזאַנער", "באפרייער פון ליטע", וואָס האָבן שוין באוויזן אויסצומאָרדן אלע יידן אין דער פּראָווינץ און א דריטל פון די קאָוונער ייד. זיי זײַנען יעצט געקומען פאָרזעצן זייער בלוטיקע ארבעט אין קאָוונער געטאָ. דער באטאליאָן איז געוואָרן אָרגאניזירט און פינאנסירט פון דער ציִוויליקער ליטווישער רעגירונג מיטן פּרעמיער-מיניסטער יוּאָזאַס אמבראזאוויטשיוס, אויף וועמענס נאָמען ס'איז היינט אָנגערופן א גאַס אין קאָוונע, אין דער געגנט פון 4טן פֿאָרט, ווו מען האָט דעם 18טן אויגוסט 1941 דערמאָרדעט די 534 יידן פון דער אינטעליגענטן-אקציע.

9 אזייגער איז געקומען דער דײַטשישער מערדער, דער געסטאַפּיסט הויפּטשאַרפיורער העלמוט ראַוּקאַ און האָט אָנגעפאנגען סאָרטירן און ניט ציילן די יידן אויפן פּלאַץ. געגוי, וואָס עס קומט פאַר האָבן נאָך די יידן ניט פארשטאנען. עס איז שנעל דורך די קאָלאָנע מיט די משפּחות פון דעם עלטעסטן-ראַט (קאָמיטעט) און די פּאָליצײַ, און דאַן האָט ראַוּקאַ זיך גענומען צו די קאָלאָנע פון די פֿײַערלעשער מיט זייערע משפּחות. עמקע מיט זיינע עלטערן, באָבען און טאנטען, די הויקערל, זײַנען געשטאַנען אין איין ריי אין מיטן פון די קאָלאָנע. ווי ראַוּקאַ האָט זיי דערזען האָט ער מיט איין מאך מיטן האנט אלעמען געשיקט אויף רעכטס.

זיי האָבן ניט פארשטאנען, וואָס ס'קומט פאָר, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, זיי זײַנען געגאנגען ווו ראַוּקאַ האָט זיי אָנגעוויזן, נאָר דאָס הארץ האָט עמקען אונטערגעזאָגט, אז עפּעס איז ניט גוט. ווי קליין און יונג ער איז געווען, 13 א האלב יאָר, האָט ער געפילט, אז ס'איז אן אומגליק. די ליטווישע פּאָליצײַ האָט זיי ארומגערינגלט מיט אויסגעשטעלטע ביקסן און געטריבן אין אן אנדער זײַט. עמקעס מוטער האָט זיך ניט פארלאָרן. זי האָט זיך אָנגעהייבן בעטן בײַם פּאָטער ער זאָל ארויסגיין פון דער ריי, אפשר וועט ער זיי קענען ראַטעווען. עמקעס פאָטער האָט ניט געוואָלט הערן. אונדזער גורל איז צוזאמען, האָט ער געהאלטן אין איבערחזרן. אָבער די מוטער איז ניט אָפּגעשטאנען פון אים און ווײַטער, מיט טרערן אין די אויגן, געבעטן בײַ אים: "קאלמאלע, לויף ארויס פון דער ריי..." קיין צײַט איז שוין ניט געבליבן, זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די קלײנע געטאָ, ווו מען האָט אלעמען צוזאמענגעקליבן ווי שעפּעלעך. דער פּאָטער האָט פּאוואָליע זיך גענומען ארויסשאַרן פון די ריי און ווײַל ער האָט געטראָגן די פֿײַערלעשער-לענטע אויף דער אָרעם, האָט די ליטווישע פּאָליצײַ אין אים געזען א יידישן פּאָליציסט און ניט געלייגט אויף אים קיין אבט.

די משפּחה מאלניק האָט פארשטאנען, אז זייער גורל איז שוין געווען געחתמעט, דער אורטייל איז שוין באשטימט, זיי האָבן אָבער נאָך ניט פארשטאנען דעם פארנעם פון דעם אומגליק. זיי זײַנען געווען פון די ערשטע, וואָס זײַנען ארײַנגעטריבן געוואָרן אין די קלײנע געטאָ, פון וואַנעט מען האָט דעם 4טן אָקטאָבער 1941 ארויסגעפירט די יידן און דערמאָרדעט אויפן נײַנטן פאָרט. עס זײַנען ארײַנגעפירט געוואָרן נאָך יידן, צווישן זיי עמקעס טאנטעס און שוועסטערקינדער, שול-חברים, לערער פון גימנאזיע, שכנים און סתּם פרײַנט. דאָס האָט זיי צוגעגעבן מוט, זיי

Digitized by the Internet Archive
in 2024 with funding from
United States Holocaust Memorial Museum

https://archive.org/details/bib293489

זיינען געוואָרן מערער אָפּטימיסטיש. זיי האָבן זיך אַלע געטרייסט, זיך געטוליעט איינע לעבן די אַנדערע, ווי שפּעלעך. דיך געמוזיקט מיט דעם, אַז די דייטשן וועלן זיי געבן אַרבעט און זיי וועלן פאַר זיי זיין נוציק...

נאָר דאָס געפיל פון האָפענונג איז גיך צערינען געוואָרן, זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ היציקייט די ליטווישע פּאָליציי שלאָגן די אַריינגעטריבענע יידן מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן, צעזעצן די קעפּ און צעברעכן די ביינער פון אַלטע שוואַכע מענטשן. עמקע איז געשטאַנען אין אַ זייט און צוגעקוקט מיט וואָס פאַר אַ שנאה, מיט וואָס פאַר אַ האַס זיי טוען דאָס. דאָרטן זיינען געווען יונגע און אַרבעטזאַמע מענטשן אָבער מערסטנס זיינען דאָרטן געווען עלטערע, אַלטע און קראַנקע לייט, און ער מיט זיין קינדערשן שכל איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז זייער ענדע.

אַזוי ווי זיי, די מאַלניקס, זיינען געווען פון די ערשטע, וואָס מען האָט אַריינגעפירט אין דער קליינער געטאָ און עמקע איז געווען דער איינציקער "מאַנסביל" אין זיין משפחה, האָט ער זיי געזאָגט, אַז מען דאַרף געפינען אַ הויז פאַר אַלעמען. אַלע הייזער אין דער קליינער געטאָ זיינען געשטאַנען ליידיק, די יידן האָט מען דאָך ליקווידירט דעם 4טן אָקטאָבער, האָבן זיי זיך אַלע 12, 11 פרויען און עמקע דער "מאַנסביל", אַריינגעקליבן אין אַ גרויסע צווייי-שטאָקיקע הויז. זיי האָבן פאַרנומען דעם ערשטן עטאַזש. די שפּעטער געקומענע האָבן פאַרנומען דעם צווייטן עטאַזש. עס איז געוואָרן אַ פּאַניקע, יידן זיינען אַרומגעלאָפן זוכן הייזער. מען האָט זיך געקריגט און געשלאָגן, זיך געריסן פאַר אַ פּלאַץ פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ. יידן האָבן פאַרלאָרן די קעפּ. צעבראָכענע מאַראַליש, פאַרצאַרנטע, צושיידטע פאַרנאַנדערגעריסענע משפחות, האָבן זיי געזוכט אַ מעגלעכקייט אויסצולאָזן דעם כעס. דער כאַאָס איז געווען גרויס, צו דעם האָבן געהאָלפן די ליטווישע פּאָליציי מיט זייער שרייען, יאָגן און טרייבן די יידן. די גאַנצע לאַסט אויסצוהיטן די משפחה פרויען איז געפאַלן אויף עמקעס שמאָלע און דאַרע פּלייצעס. ער איז דורך דעם טאָג געוואָרן עלטער, ער קאָן דערפילט די לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין משפחה.

די פענצטער פון די הויז זיינען אַרויסגעגאַנגען צום שטעכלדראָט-צוים. דאָרטן זיינען אַרומגעגאַנגען די ליטווישע פּאָליציסטן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן. ווי עמעצער פון אויבן וואָלט עמקען געזאָגט: "עמקע, דאָ איז פאַר דיר ניט קיין פּלאַץ, די הויז איז ניט פאַר דיר." זיין מוטער און זיין באָבע האָבן זיך שוין באַזעצט אין הויז. קיין שטולן זיינען דאָרטן ניט געווען איז מען געזעסן אויפן דיל, אָדער אויף די אייזערנע בעטלעך, וואָס זיינען דאָרטן געפונען. עמקע האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן צימער און אויף אַ הויכן קול זיי געזאָגט, אַז אים געפעלט ניט דער פּלאַץ. די הויז, איז צו נאָענט צום צוים, מען מוז פון דאַנעט אוועקגיין. פון אָנפאַנג האָבן זיי ניט געוואָלט הערן פון דעם. זיי זיינען געלעגן מידע, צעבראָכענע, נידערגעשלאָגענע. עמקע האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן און בעטן. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די הויז.

ס'איז צוגעפאלן דער אָוונט און הייזער איז שווער געווען צו געפינען. זיי זיינען אלע 12 געגאנגען און געזוכט, אומעטום איז שוין געווען פול. אלע האָבן חרמה געהאט, וואָס זיי האָבן פארלאָזן דעם ערשטן פלאץ. ווי לאנג זיי זיינען געגאנגען געדיינקט עמקע נישט, אבער ווען זיי האָבן שוין יאָ געפונען אן אלטע שטיבל אין דער אנדער עק פון געטאָ, איז שוין געווען גוט פינצטער. הונגעריקע און דורשטיקע, שמוציקע פון שטויב, האָבן זיך אלע אנישגעצויגן ווי מען האָט געקענט אויפן דיל, קיין בעטלעך איז דאָרטן נישט געווען און איינגעשלאָפן טויט-מידע.

אין מיטן דער נאכט האָט עמקעס פאָטער ריזיקירט מיט זיין לעבן, געגעבן א גאָלדערנע מאָנטעס איינעם פון דער וואך און ער איז דורכגעקראָכן דורכן צוים, געלאָפן איבער די הייזער אָנרופדיק די נעמען פון זיין משפחה, ער האָט זיי געוואָלט ראטעווען, נאָר ליידער האָט ער זיי נישט געפונען און געמוטשט זיך אומקערן אין דער גרויסער געטאָ.

זיי האָבן זיך אויפגעכאפט פון א שיסעריי און געשרייען אין מיטן נאכט. עמקע געדייגקט נישט ווי לאנג ער איז געשלאָפן, נאָר ווען ער האָט זיך אויפגעכאפט - איז די נאכט-פינצטערניש דורכגעשטאָכן געוואָרן פון די לויכטענדע ביקסן קוילן. די ליטווישע פאָליציי-וואך האָט די גאנצע נאכט געשאָסן אין דער לופטן אום אָנצוווארפן א שרעק אויף די יידן, זיי זאָלן נישט ארויסגיין און פרווון אנטלויפן פון געטאָ. די העפטיקע נאכט שיסערייען ארום געטאָ האָבן אלע מאָל אָנגעזאָגט די יידן וועגן א גרייסנדיקע אקציע, א גרייסנדיקע יידן-שחיטה.

א שטארקע קלאפעריי פון ביקסן-קאָלבעס אין די שטיבל און געשרייען מען זאָל ארויסגיין האָבן אנגעזאגט, אז די מערדער זיינען געקומען. גאָר האָט אויף די קרבנות א ביסל רחמנות געהאט און אראָפגעשיקט זונשטראלן, וואס האָבן געלויכטן, אבער נישט געווארעמט זייערע נשמות, פארפראָרענע פון די טויט-געפאַר.

דער מארש פון די קליינע געטאָ איז אָנגעגאנגען אין א מוסטערהאפטע דייטשישע אָרדנונג. די אסירים האבן נישט געוווסט, וואס ס'קומט פאָר פון פארנט. זיי האָבן זיך אלע ארויסגעלאָזן אין א לאנגע ליניע פון די שטיבלעך אויף די טראָטואַרן און לעבן זיי זיינען געגאנגען די באוואָפנטע ליטווינער. עמקע האָט אלעמען דורכגעלאָזן גיין פאָרויס, ער איז געבליבן שטיין ווי א מאגנעט וואָלט אים צוגעשמידט און געצויגן אויף צוריק. ער האָט אויך צוריקגעהאלטן זיין משפחה ביז ער האָט שוין נישט געהאט וואו זיך צוריקצוציען. זיי זיינען געבליבן די לעצטע 100 מענטשן. עמקע איז געשטאנען אָנגעשפארט לעבן א הילצערנעם פארקאן, לעבן אים זיין מוטער, באָבע און די טאנטע. עטלעכע רייען פאר זיי איז געשטאנען זיין גאנצע משפחה. צווישן די שטייענדיקע האָט זיין מוטער דערקענט דעם דירעקטאָר פון דער יידישער קאָמערץ-גימנאזיע ד"ר לעווין. עמקע פלעגט אים זען אין גימנאזיע יעדן טאָג, ער האָט זיך פאר די עטלעכע מאָנאטן זייער געביטן. ס'איז געשטאנען פאר אים א אלטער ייד א איינגעקאָרצעטער, מיט א גרוי-שווארצן פנים. זעט אויס, אז ער האָט שוין דאן פארשטאנען, אז דאָס איז זיין לעצטער וועג ...ער איז געווען א גרויסער פעדאגאָג.

ד״ר שמואל לעווין האט אונטערריכט אין דער קאמערץ-גימנאזיע פסיכאלאגיע, יסודות פון פילאסאפיע, פעדאגאגיק און דידאקטיק. שפעטער, פאר די סאוויעטן, איז די גימנאזיע אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון שלום-עליכם.

פלוצלינג, ווי ס׳וואלט זיך געשפאלטן דער הימל, עמקע האט דערהערט א געשריי: ״פאניע, קאלמאלע קומט!״ ווי א וויכער האט זיך עמקע ארויסגעריסן פון דער ריי – זיין פאטער איז געגאנגען שנעל, דער מאנטל פארנאנדערגעשפילעט, די האר צעשויבערט פון ווינט און מיט פייער אין די אויגן זוכט ער אין די רייען. און זיי זיינען די לעצטע קאלאנע פון די לעצטע 100 יידן. און זיי, זיין משפחה, זיינען די לעצטע אין דער ריי פון דער קאלאנע... לעבן פאטער גייט א דייטשער אפיציר. דער אפיציר גייט שנעל, אבער מיין פאטער גייט גיכער. עמקע האט געוווסט, אז זיין פאטער וועט קומען! ער איז אים געלאפן אנטקעגן און ארויפגעפאלן אויפן האלדז. דער דייטש האט זיי אנגעקוקט, געזען די ענלעכקייט פון טאטן מיטן זון און געפרעגט:

- איז דער דיין זון?
- יא - האט געענטפערט עמקעס פאטער.
- און ווו איז דיין ברודער? - עמקעס פאטער האט אנגעוויזן אויף די מוטער.
- Heraus! - ארויסגיין! – האט א געשריי געגעבן דער אפיציר.

זיי האבן זיך אלע דריי געהאלטן פאר די הענט, די טרערן האבן געשטיקט, אויס פחד האבן זיי זיך ניט אומגעקוקט א קוק צוטאן דעם לעצטן מאל אויף זייער ליבער פאמיליע, וואס איז אין די לעצטע צוויי מינוט פאר דער ליקווידירונג פון די יידן, אפגעפירט געווארן מיט א לאסטאויטא צום 9טן פארט. מיט דעם איז פארענדיקט געווארן די אויסליידיקונג פון די יידן אין דער קליינער געטא פון דער נעכטיקער גרויסער אקציע.

מיט צובראכענע הערצער האבן זיך די דריי אומגעקערט אין דער גרויסער געטא. דארטן האט זיך עמקע געטומען די דרייסטקייט אומצודרייען - און דערזען ווי דער לעצטער לאסטאויטא פארנעמט זיך אויפן זשאמעטער שאסיי צום גיהנום – 9טער פארט. דאן, ערשט דאן האבן זיי פארשטאנען, וואס פאר א גרויסער אומגליק ס׳האט געטראפן זייער פאמיליע. עמקעס מוטער, פאניע, איז געפאלן אין חלשות זיין פאטער, קאלמאן מאלניק, האט געוויינט...

״יעדער פון אונדז, יידן – שרייבט מיר עמקע - האט זיין מזל ווי ער איז געראטעוועט געווארן. איך האב מיט א געוויסע צייט צוריק באזוכט ליטע. באזוכט מיין געבוירן שטאט קאוונע, דעם 9טן פארט, געזען די אויסגעבויערטע לעכער אין די אייזערנע טיר, דעם בוישרל. איך האב אלץ פילמירט: דעם וועג ווו איר זייט ארויס, די וואנט מיט די לייטערס. איך האב דאס אלץ דאקומענטירט, ווייל וויפל האט געפעלט איר זאלט מיך אויך פארברענען אויפן פייער? אבער אייער אנטלויפן איז געווען א זאך א פלאנירטע און דורכגעפירט מער ווייניקער מיט א ארדענונג.

מיר – אברהם, עמקע, אייב מאלניק, האט פאסירט א נס! אנגעפאנגען האט זיך דאס פון דעם, וואס דער אפיציר, דער שעף פון דער וואך, איז געגאנגען קאנטראלירן די ליטווישע פאסטנס.

איך גלויב, אז דאָס איז געווען 10 מינוט פאר 12, ווייל 12 אזייגער איז שוין געווען די קליינע געטאָ ליידיק. אזוי גייענדיק האָט דער אָפּיציר דערקענט א פרוי, וואָס האָט ביי אים געארבעט. ער האָט איר ארויסגעשלעפּט פון דער קאָלאָנע און געהייסן גיין מיט אים. אין די גרויסע געטאָ האָט זי פארשטאנען, וואָס עס האָט מיט איר פּאסירט און זי איז געפאלן אין חלשות. אין דער ריי האָט זי פארגעסן איר קינד.

מיין פאָטער האָט איר אָפּגעמינטערט, און ווען זי האָט געעפנט די אויגן, האָט ער איר געפרעגט:

- אפשר האָט איר געזען מיין פאמיליע?
- יאָ - האָט זי געענטפערט, - זיי שטייען נאָך דאָרטן.

דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעפאנגען זיך בעטן ביי דעם זעלבן דייטש ער זאָל ארויסנעמען זיין פאמיליע. אויך דער שעף פון דער יידישער געטאָ-פּאָליציי מכאל קאָפּעלמאן האָט געבעטן דעם אָפּיציר, זאָגנדיק, אז דער פאָטער איז זייער א גוטער פייערלעשער. אויף דער פראגע פון דעם אָפּיציר וועמען ער האָט דאָרטן, האָט מיין פאָטער, שוין האַבנדיק די לערע פון פריערדיקן טאָג, אז צוליב מיין אלטע באָבע און די טאנטע מיטן הויקער, זיינען מיר געשיקט געוואָרן אין דער קליינער געטאָ, האָט זיך ניט פארלאָרן און געענטפערט, אז ער האָט דאָרטן זיין פרוי און זון."

אין דעם באריכט פון 1טן דעצעמבער 1941 שרייבט דער שעף פון דער דייטשישער פּאָליציי און ס"ד אין ליטע סטאנדארטנפיורער ס"ס קארל יעגער:

"דעם 29טן אָקטאָבער 1941 האָט מען אויפן 9טן פאָרט דערשאָסן 9200 יידן, פון זיי: 2007 מענער, 2920 פרויען און 4273 קינדער."

די אקציע האָבן די דייטשן פארשריבן ווי א רייניקונגס-אקציע פון ניט נייטיקע יידן אין געטאָ.

אין דעם ראפּאָרט נומ. 445 פון 31טן אקטאָבער 1941 פון דעם געטאָ-פּאָליציי-שעף מכאל קאָפּעלמאן צום עלטעסטן-ראט ווערט צווישן אנדערע געזאָגט:

"דעם 29טן אָקטאָבער 1941 5.30 אזייגער אינדערפרי, האָט מען די נעכטן אריינגעפירטע אין דער קליינער געטאָ, אָנגעפאנגען אריבערפירן אין דער ריכטונג פון דעם זשאמעטער שאסיי. נאָכן ארויספירן אלעמען איז געפונען געוואָרן 2 טויטע פרויען: סווירסקיענע-שטאָלציטע חיה די צווייטע איז אומבאקאנט און א דערשאָסענעם מאן: שמיטאס (א שניידער)."

אין דער געביידע פון דער קאָוונער שטאָט-פארוואַלטונג – ראטוש, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פלאץ-פאראד, האָט דער רעפערענט פאר יידישע ענייינים ביים דייטשישן שטאָט-קאָמיסאריאט און קאָמענדאנט פון געטאָ, ס.א. האויפּטשטורמפיורער פריץ יארדאן געהאט א סקלאד ווו מען פלעגט צוזאמענפירן די גערויבטע יידישע זאכן פון געטאָ. דאָרטן האָט געארבעט א יידישע ארבעטס-בריגאדע ביים סאָרטירן די זאכן. דעם בריגאדיר האָט מען אָנגערופן "מאָנגאָ" צוליב זיין מאָנגאלישן אויסזען. דעם 30טן אָקטאָבער האָט "מאָנגאָ" מיט זיין בריגאדע סאָרטירט די בגדים, געבראכטע דעם 29טן, פון די דערשאָסענע יידן אויפן 9טן פאָרט, וועגן וואָס זיי האָבן, קומענדיק פון דער ארבעט אין געטאָ, דערציילט.

אין דעם ראפּאָרט נומ. 445 פון 31טן אקטאָבער 1941 פון דעם געטאָ-פּאָליציי-שעף

מכאל קאָפּעלמאַן צום עלטעסטן-ראַט ווערט ניט געזאָגט וועגן דעם קיין איין וואָרט.

העלמוט ראַוקאַ, וואָס האָט דורכגעפירט די סעלעקציע פון די יידן דעם 28סטן אָקטאָבער 1941 האָט אויף זיין פאַרהער אין דײַטשלאַנד אין יאָר 1982 געטעהנעט , אַז די יידן פון דער קליינער געטאָ האָט מען געפירט צום זאַמעטער שאָסיי, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט לאַסטאויטאָס אָפּצופירן אין אַרבעטסלאַגערן. און ניט קענענדיק זיך צופּאַסן צו די דאָרטיקע באַדינגונגען זײַנען די יידן אויסגעשטאָרבן. ראַוקאַ, איז פאַרן משפט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין פראַנקפורטער טורמע.

איך, אַלעקס (אַלטער) פּיַטעלסאָן, האָב די אָ אומגעבראַכטע יידן געזען אין די פלאַמען פון די שײַטערס אויפן 9טן פאָרט.

פּ.ס.

אייב מאַלניק לעבט אין די פאַרייניקטע-שטאַטן, זיין אַדרעס איז:

Mr.& Mrs. Abe Malnik
P.O.Box 464
REHOBOTH BEACH, DE 19971

איך לייג בײַ 3 בילדער:

1. עמקע בײַם שטעלן דעם צוים אין געטאָ (אויגוסט 1941)
2. אייב באַגריסט זיינע געסט ביים פייערן דעם 50 יאָריקן יובילײַ פון אייב און ליליס חתונה (תל-אביב 1998).
3. אייב אין קרייז פון זיינע חברים און פרײַנד.